# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך
בידרמן** שליט"א

**בראשית**

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת בראשית

בראשית ברא - די וועלט איז באַשאַפן געווארן צוליב די אמונה פון אידן ..................ד
ויעשו להם חגורות - עצבות און יאוש, איז דער 'אבי אבות' פון אַלע עבירות..............ט
אם תיטיב שאת - די וועלט שטייט נאָר אויף חסד וואָס מ'טוט איינער מיט'ן אַנדערן.........יג
דתשרי על עמיה - בלייבן באַהאַפטן צום יו"ט אַ גאַנצן יאָר.....................טז

**ספה"ק בת עין**

**... הִנֵּה עִיקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל וּבִשְׁבִיל הַיִּרְאָה שֶׁנִּקְרָאִים רֵאשִׁית** די עיקר וואס די וועלט איז באשאפען געווארען איז געוועזן וועגן די יודען - און וועגן די מידה פון יראה וואס זיי ווערן אנגערופן מיטן נאמען 'ראשית', **הַיְינוּ שֶׁיִּשְׂרָאֵל יִהְיוּ דְּבֵקִים לַה' תָּמִיד בְּיִרְאָה גְּדוֹלָה** דאס מיינט אז די יודען זאלען שטענדיג זיין באהאפטען מיטן באשעפער מיט א גרויסע יראה, **הַיְינוּ עַל יְדֵי הִתְבּוֹנְנוּתָם בִּגְדוּלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ** דאס מיינט אז דורך זייער אריינטראכטען אין די גרויסקייט פון השי"ת, **וְיִפְחַד וְיִרָא מִפָּנָיו יִתְבָּרַךְ** און זיי וועלן ציטערן און מורא האבען פון השי"ת, **וְזֶהוּ בְּחִינָה גְּדוֹלָה וִיקָרָה** און דאס איז א גרויסע און טייערע בחינה.

**אָמְנָם 'וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב'** (יחזקאל א, יד) אבער די חיות און ווילען פון א מענטש איז 'רצוא' ס'גייט פאראויס - און 'ושוב' און ס'קערט זיך צוריק, **שֶׁאִי אֶפְשָׁר לָאָדָם לַעֲמוֹד תָּמִיד בְּאוֹתָהּ בְּחִינָה** ס'איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל שטענדיג בלייבן ביי די זעלבע מדריגה און בחינה, **וְלִפְעָמִים נוֹפֵל מִזֹּאת הַבְּחִינָה מִדְּבֵיקוּתוֹ הַנַּ"ל** און צומאהל פאלט ער אראפ פון זיין מדריגה און בחינה אין זיין דביקות ווי אויבענדערמאנט, **וְנֶחֱשַׁךְ הָאוֹר הַקְּדוֹשָׁה בְּלִבּוֹ** און ס'ווערט פארטונקלט די ליכטיגקייט פון קדושה אין זיין הארץ, **שֶׁאֵינוֹ דָּבוּק כָּל כָּךְ בְּמַחְשַׁבְתּוֹ וְלִבּוֹ בְּיִרְאַת ה'** אז ער איז נישט מער אזוי באהאפטען מיט זיינע מחשבות און מיט זיין הארץ אין יראת השם. **וּבַעֲבוּר זֹאת נִשְׁבַּר לִבּוֹ בְּקִרְבּוֹ עַל הֶעְדֵּר הָאוֹר הַהוּא מִלִּבּוֹ** און וועגן דאס וואס ער פילט אז ס'פעלט אים די ליכטיגקייט אין זיין הארץ ווערט זיין הארץ צובראכען אין אים, **וְנִכְנַע וְנִשְׁפַּל מְאוֹד מְאוֹד מִפְּנֵי פַּחַד ה' וּמֵהֲדַר גְּאוֹנוֹ** און ער ווערט זייער אונטערגעטעניגט און ער פילט ביי זיך זייער נידריג צוליב די פחד פארן באשעפער און פאר זיין גרויסקייט.

**וְזֶהוּ בְּחִינַת שִׁבְרֵי לוּחוֹת** און די בחינה פון זיין צובראכענע הארץ ווערט אנגערופען 'שברי לוחות' צובראכענע לוחות, **הַיְינוּ שֶׁלִּבּוֹ נִשְׁבַּר בְּקִרְבּוֹ מִגּוֹדֶל הַבּוּשָׁה מִפְּנֵי ה'** דאס מיינט אז זיין הארץ ווערט צובראכען ביי זיך פון גרויס בושה פארן באשעפער, **עַל שֶׁנִּתְרַחֵק מִדְּבֵיקוּת הַנַּ"ל** אויף וואס ער איז דערווייטערט געווארן פון די דביקות **... וְלִבְחִינָה זוּ הָיְתָה רְצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא בִּבְרִיאַת הָעוֹלָם** און צו די בחינה צו ווייזען אז אויך א צובראכענע לוחות זענען חשוב ביים באשעפער איז געוועזן די ווילען פון באשעפער ווען ער האט באשאפען די וועלט.

**(פרשת בראשית, ד"ה בראשית ברא)**

תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד**

# פרשת בראשית

**בראשית ברא - די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב די אמונה פון אידן**

**אויפ'ן** ערשטן פסוק אין דער היינטיגער פרשה, וואָס איז אויך דער ערשטער פסוק אין דער תורה, 'בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ' (א, א), האָבן צדיקים געטייטשט, 'בראשית' - די ערשטע זאַך וואָס דער מענטש דאַרף וויסן איז, אַז 'ברא אלקים את השמים ואת הארץ' - דער אויבערשטער האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלע באַשעפענישן[א], ער פירט אַלעס, און ער קוקט זיך אום אויף יעדן פרט וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט מיט אַ השגחה פרטית[ב].

**דער** מדרש זאָגט (ויק"ר פל"ו, ד, געברענגט אין רש"י אָנהייב היינטיגע פרשה), אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב די אידן וואָס ווערן אָנגערופן 'ראשית'. האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, אַז די כוונה דערפון איז, דער גאַנצער עיקר פון דער בריאה איז פאַר די אידן וואָס חזר'ן אייביג מיט זייער מויל און אין זייער האַרץ, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן הימל און ערד, און ער באַהערשט די גאַנצע וועלט. צוליב אַט דער אמונה וואָס אידן גלייבן אין באַשעפער, איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן.

**אויף** דעם זאָגן אונז חז"ל, 'בשביל ישראל שנקראו ראשית'. צוליב די אידן וואָס רופן שטענדיג אויס אַז 'בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ'.

(ספר 'תורת אבות')

**'וישם ה' לקין אות לבלתי הכות אותו כל מוצאו'** (ד, טו). הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע האָט געטייטשט, אַז דער וואָס גלייבט באמונה שלימה אינעם באַשעפער, ווערט נישט צובראָכן פון קיין שום פּאַסירונגען, סיי אויב ס'איז אַ געלט שאָדן אָדער אַנדערע שאָדנס וואָס אַ צווייטער איז גורם, ווערט ער נישט צוגעלייגט דערפון, ווייל ער ווייסט אַז דער מענטש רירט

---

**א.** הרה"ק רבי מאיר הגדול מפרעמישלאן זי"ע האָט געזאָגט, אַז די ראשי תיבות פון די ווערטער **ב**'ראשית **ב**'רא **א**'לקים **א**'ת, זענען בבא"א, וואָס איז אויך די ראשי תיבות פון פסוק **ב**'ך **ב**'טחתי **א**'ל **א**'בושה (תהלים כה, ב), און אויך '**א**'שרי **א**'דם **ב**'וטח **ב**'ך' (שם פד, יג). און צוליב דעם האָט די תורה אָנגעהויבן מיט די דאָזיגע ווערטער, כדי אונז צו לערנען, אַז **דאָס איז דער עיקר** און דער הויפּט-מהות פון דעם מענטש, צו האָבן בטחון אין באַשעפער אין **יעדער צייט**. (געברענגט אין ספה"ק 'ברית אברם', פונעם זאָלאָזשיצער מגיד זי"ע, און אין ספה"ק 'שפתי צדיקים', בשם הרה"ק בעל 'אוהב ישראל' מאפטא זי"ע)

**ב.** אויפ'ן פסוק 'בראשית ברא אלקים', זאָגט רש"י, 'ומה טעם פתח בבראשית'. האָט געזאָגט דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע, אַז רש"י רעדט מיט אַ באַגייסטערונג, **'מה טעם פתח בבראשית' - וואָס פאַרא זיסן טעם האָט דער מענטש וואָס הייבט-אָן מיט 'בראשית'**. דאָס מיינט, ער שטעלט אַוועק זיין לעבן מיט אמונה אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, הימל און ערד, און ער טוט אַלעס. (ספר 'תפארת בית לוי', ילקוט קדושת לוי)

### מן הבאר

די גמרא דערציילט (ברכות ס.) אַז אַמאָל ווען הלל איז צוריקגעקומען צו זיין שטאָט, האָט ער געהערט קרעכצן אין שטאָט, און ער האָט געזאָגט, 'איך בין זיכער אַז דאָס קרעכצן קומט נישט פון מיין הויז'. דאַרף מען פאַרשטיין, פון וואו האָט הלל דאָס געוואוסט?

ענטפערט דער גאון מהר"ם אלמושנינו ז"ל, אַז הלל הזקן האָט אויסגעלערנט זיינע בני בית אַ וועג אין אמונה, זיי זאָלן אָננעמען אַלעס וואָס פּאַסירט מיט זיי מיט ליבשאַפט, און זיי זאָלן **קיינמאָל נישט שרייען און קרעכצן**. ווען הלל האָט געהערט אַ געשריי אין שטאָט, איז ער געווען זיכער אַז דאָס קומט נישט פון זיין הויז, ווייל **ביי אים אינדערהיים שרייט מען נישט, אפילו אין אַ שווערן מצב**. (ספר 'משפט צדק', תהלים יט)

נישט מיט אַ פינגער דאָ אויף דער וועלט, נאָר אויב מ'האָט פריער אויסגערופן דערויף אין הימל. 'אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה' (חולין ז:). קומט דאָך אויס אַז נישט יענער האָט דאָס געטוהן, און אַוודאי טאָר מען נישט זאָגן חלילה אַז עס האָט פּאַסירט פון זיך אליין, נאָר אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, פאַר דער פולשטענדיגער טובה פונעם מענטש.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק 'וישם ה' לקין אות' - אַ צייכן פון ריינע אמונה, ממילא, 'לבלתי הכות אתו כל מוצאו' - קיין שום זאַך וואָס וועט פּאַסירן מיט אים וועט אים נישט 'שלאָגן', ווייל ער ווייסט און אנערקענט אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. (ספר 'דברי שלום', להרה"ק מקוידינוב זצ"ל)

**אַזוי** טייטשט הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע (אין זיין ספר 'כתונת פסים', פ' בהר) דעם פסוק אין תהלים (קמד, יא) 'אלופינו מסובלים'. דורך דעם וואָס דער מענטש גלייבט אין דעם 'אלופינו' - 'אלופו של עולם', אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די וועלט, און קיין שום זאַך פּאַסירט נישט אויף דער וועלט אויב דער אויבערשטער האָט נישט באַפוילן דערויף.[ג] 'מסובלים' - וועט ער אַלעס קענען אויסהאַלטן (פון לשון 'סבלנות').

**אַזוי** האָט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע געטייטשט 'ברוך שאמר והיה העולם' - ראשי תיבות פון די ווערטער איז 'בשווה'. דאָס לערנט אונז אַז דער וואָס זעט דעם אויבערשטען ביי יעדער זאַך וואָס גייט אריבער אויף אים, וואָס דער אויבערשטער איז דער וואָס באַפוילן

---

**ג.** הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע, אַז ער ליידט פון דער שענדליכער מדה פון כעס, און ער וויל דריבער וויסן ווי אַזוי מ'קען אויסוואָרצלען און אויסרייסן די דאָזיגע שרעקליכע מדה. דער הייליגער וויטעבסקער האָט אָבער נישט געענטפערט דעם 'תולדות' אויף זיין שאלה.

עטליכע טעג שפּעטער איז דער תולדות געפאָרן מיט עטליכע פון זיינע ידידים אויף אַ וואָגן, און אויפ'ן וועג האָט ער אָפּגעשטעלט אַ איד, און אים איינגעלאַדן אַרויפצוקומען אויפ'ן וואָגן. דער 'תולדות' האָט געהייסן אים אַרויפנעמען, אָבער צוליב מאַנגל אין פּלאַץ האָט מען אים געזעצט אינעם וואָגן פון אונטן, דאָרט וואו ס'זענען געווען אַלע פּעקלעך, אַ פּלאַץ וואו ס'איז בכלל נישט באַקוועם צו זיצן.

אינמיטן דער נסיעה האָט דער 'תולדות' געפרעגט עטליכע מאָל דעם איד צי ס'איז אים נישט צו-ענג דאָרט. האָט דער איד געענטפערט אַז נישט, ס'איז אים גוט דאָרט וואו ער זיצט. דער 'תולדות' האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט, און ער האָט אים געפרעגט איינמאָל און נאָך אַמאָל צי ס'איז אים גוט דאָרטן, ביז יענער האָט אים געענטפערט, 'אשרי העם שככה לו' - **וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס 'ככה' - לו. אויף וועלכן אופן דער אויבערשטער פירט זיך מיט אים, איז אים גוט.** ער האָט בכלל נישט קיין טענות אויף זיין מצב.

די חסידים וואָס זענען געפאָרן אויפ'ן וואָגן האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון די ווערטער פונעם גאַסט, אָבער דער הייליגער 'תולדות' זי"ע איז געוואָרן 'אויפגעפלאַקערט', ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָ האָט מען אים אנגעוויזן פון הימל אַז אויב ער וועט געדענקען אַז אַלעס וואָס פּאַסירט איז לטובה, וועט ער קיינמאָל נישט אַריינפאַלן אין כעס, ער וועט אַלעס אָנעמען רואיג און געלאַסן.

עטליכע טעג שפּעטער האָט דער 'תולדות' ווידער באַגעגנט הרה"ק ר' מענדעלע וויטעבסקער, און ר' מענדעלע וויטעבסקער האָט אים געזאָגט:

- זעסטו, פון הימל האָט מען דיר צוגעשיקט אליהו הנביא, ער זאָל דיר ענטפערן אויף דיין שאלה ווי אַזוי מ'קען אויסמיידן אַריינצופאַלן אין כעס...

הרה"ק רבי יאַנקעלע פשעוואָרסקער זי"ע איז אַמאָל געפאָרן אויפ'ן וועג מיט זיין משמש בקודש. אויפ'ן וועג האָט דער פשעוואָרסקער רבי געזאָגט פאַר דעם משמש דאָס דערמאַנטע וואָרט: 'אשרי העם שככה לו' - וואויל איז פאַר דעם איד וואָס לעבט אייביג מיט'ן אויבערשטען, און ער פרייט זיך מיט זיין הנהגה מיט אים. 'שככה לו' - סיי אויב אַלעס גייט 'גלאַטיג', און סיי אויב ס'איז אים ביטער ח"ו, איז אים שטענדיג גוט, ווייל מיט זיין אמונה ווייסט ער אַז אַלעס איז פאַר זיין פולשטענדיגער טובה. די דאָזיגע ווערטער, האָט הרה"ק רבי יאַנקעלע איבערגע'חזר'ט אַסאַך מאל.

צוריקגייענדיג אַהיים, האָט דער פשעוואָרסקער רבי געפרעגט דעם משמש צי ער פאַרשטייט דעם פשט אין די ווערטער, 'אשרי העם שככה לו'. דער משמש, וועלכער איז שוין געווען 'אומגעדולדיג', נאָכ'ן הערן דעם פירוש

צענדליגער מאָל אין אַזאַ קורצער צייט, האָט זיך אָנגערופן צום רבי'ן, 'דער טייטש איז דאָך אַזוי און אַזוי'... האָט הרה"ק רבי יאַנקעלע אים געזאָגט: 'ניין, נישט ווי דו זאָגסט, נאָר דער טייטש איז, 'אשרי העם שככה לו' - וואויל איז פאַר דעם איד וואָס לעבט אייביג מיט'ן באַשעפער, און ער פרייט זיך מיט זיין הנהגה, ווייל ער ווייסט און גלייבט אַז אַלעס איז פאַר זיין פולשטענדיגער טובה'.

דער רבי האָט געמיינט צו זאָגן, ס'איז נישט גענוג צו 'הערן' די ווערטער, נאָר מ'דאַרף עס גוט איינקריצן אין האַרץ.

עס ווערט געברענגט אַ רמז אין דעם פסוק (תהלים קטו, ב) '**למה יאמרו הגוים**'. דער חילוק צווישן די אידן און די גוים איז, אַז די גוים גלייבן נישט, נאָר זיי זענען אייביג פול מיט טענות. זיי פרעגן אייביג, 'למה'... 'למה'... פאַרוואָס?... אידן זענען אָבער מאמינים בני מאמינים, און אויף יעדער זאַך זאָגן זיי, '**כל אשר חפץ עשה**', אַזוי וויל דער באַשעפער, און זיי נעמען אָן מיט ליבשאַפט אַלעס וואָס ער טוט מיט זיי.

מ'קען עס בעסער ערקלערן לויט אַ באַקאַנטן יסוד פון דעם גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל, אויף די ווערטער פון דער גמרא (חגיגה ג:) 'איזהו שוטה? היוצא יחידי בלילה, והלן בבית הקברות, והמקרע את כסותו'. פרעגט די גמרא, אויב מ'רעדט וועגן אַ מענטש וואָס טוט עס אויף אַ נאַרישן אופן, פאַרוואָס ווערט ער גערעכנט פאַר אַ שוטה נאָר ווען ער טוט **אַלע** דריי זאַכן? ס'איז דאָך גענוג צו טוהן איינע פון די דריי זאַכן, אַז ער זאל הייסן אַ שוטה. און אויב מען רעדט אויף אַן אופן וואָס ער האָט עס נישט געטוהן אויף אַ נאַרישן וועג, איז דאָך אַפילו ווען ער האָט געטון אַלע דריי זאַכן, וועט ער נאָך אַלץ נישט הייסן אַ שוטה.

איז דער תירוץ, אַז מ'רעדט טאַקע אויף אַן אופן, ווי ער טוט עס אויף אַ נארישן וועג. נאָר וואָס דען, כל זמן ער האָט געמאַכט נאָר איינעם פון די דאָזיגע סימנים, איז נאָך אַלץ דאָ אַן ארט צו פאַרענטפערן וואָס ער האָט געטוהן, און זאָגן אַז ער איז נישט קיין שוטה.

צום ביישפיל, אויב ער גייט אַרויס ביינאַכט אליין, קען מען זאָגן אַז ער האָט זיך געוואָלט אָפּקילן (זע רש"י, דאָרט). אויב ער נעכטיגט איבער אויפ'ן בית הקברות, קען מען זאָגן אַז ער האָט אַזוי געטוהן ווייל ער וויל אַז עס זאל רוהען אויף אים אַ רוח הטומאה רח"ל, וואָס זאָל אים העלפן מאַכן כישוף. אויב ער האָט צעריסן זיין קלייד, קען מען זאָגן אַז ער איז אַ 'בעל מחשבות' - אַ פאַרטראַכטער מענטש. אָבער אויב ער האָט געטוהן **אַלע** דריי סימנים, איז ער זיכער אַ שוטה.

איז דאָך שווער. אויב מיר האָבן אַ גוטן 'תירוץ' אויף יעדן איינעם פון די מאָדנע אויפפירונגען, פאַרוואָס דער וואָס טוט אַלע דריי, ווערט פאַררעכנט ווי אַ זיכערער שוטה, און מ'פּרובירט נישט אים צו פאַרענטפערן?

פון דאָ האָט דער גאון רבי חיים בריסקער געברענגט אַ ראיה, אַז **ווען ס'איז דאָ אויף אַ מענטש דריי קשיות, איז בעסער צו זאָגן איין תירוץ וואָס פאַרענטפערט אויף איינמאָל אַלע קשיות**, ווי איידער צו זאָגן דריי אַנדערע תירוצים אויף דריי שאלות...

לענינינו, אָפּט מאָל עגבערט אין האַרץ פון דעם מענטש די שאלה - 'למה'? פאַרוואָס... וואָס באמת קען מען פאַרענטפערן יעדע קשיא פאַר זיך.

צום ביישפיל, ראובן פרעגט, פאַרוואָס האָט ער שאָדן געהאַט אַזוי פיל געלט? וואָלט מען געקענט 'פאַרענטפערן' (ח"ו), אַז ער האָט נישט געטוהן די נויטיגע השתדלות... שמעון פרעגט פאַרוואָס ער איז געוואָרן קראַנק ל"ע. קען מען פארענטפערן ווייל ער האָט געגעסן אַ פארדארבענע מאכל... לוי שרייט, פאַרוואָס האָב איך נישט זוכה געווען צו יענעם פאָסטן וואָס איך האָב געוואָלט האָבן, וואָס איז צוגעפאַסט פאַר מיר אויף אַ וואונדערליכן אופן? ער פרובירט זיך באַרואיגן מיט'ן תירוץ, אַז איינער פון די אַרבעטער דאָרט, האָט אים 'אונטערגעשטעלט אַ פיסל', ווייל ער האָט אים פיינט נאָך פון אייער-נעכטן... יהודה וואונדערט זיך פאַרוואָס האָט פאַסירט מיט אים אַן עקסידענט ל"ע, און ער באַרואיגט זיך אַז דער 'דרייווער' וואָס איז אַריינגעפאָרן אין אים קען נישט דרייוון געהעריג... און נאָך טויזנט מאָל ווערט ערוועקט די שאלה 'פאַרוואָס', מיט פאַרשידענע תירוצים. 'שערי תירוצים לא ננעלו'... באמת אָבער, **אַנשטאָט צו זאָגן אַסאַך באַזונדערע תירוצים, איז בעסער צו זאָגן איין 'תירוץ', וואָס פאַרענטפערט אַלע שאלות. 'אחד אני יודע': 'אחד אלוקינו שבשמים ובארץ'.**

לויט דעם קען מען פאַרשטיין דעם פסוק, '**למה יאמרו הגוים' - נאָר די גוים פרעגן 'פאַרוואָס'**, ווייל, '**איה אלהיהם' - זיי האָבן נישט אַ לעבעדיגן באַשעפער, אויף וועמען צו קענען אָנהענגען אַלע זייערע קשיות**, ממילא מוזן זיי אָנקומען צו אַסאַך תירוצים. אָבער **מיר, אידן, גלייבן אַז 'ואלקינו בשמים, כל אשר חפץ עשה'**. מיר האָבן איין

אַז די וועלט זאל באַשאַפן ווערן, און אַז אַלעס קומט פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַזאַ איינער קען אַלעס אויפנעמען 'בשוה' - גלייך[ד], אָן אַ בהלה און צער, ער ווערט נישט נתפעל פון קיין שום זאַך.

---

ענטפער אויף אַלע קשיות: וואָס דער אויבערשטער וויל, דאָס טוט ער, און ער ווייסט וואָס ס'איז דאָס בעסטע פאַר'ן מענטש.

אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים קמד, טו) 'אשרי העם שככה לו, אשרי העם שה' אלקיו'. וואויל איז פאַר דעם פאָלק וואָס זאָגט, 'ככה', און דער טעם פאַרוואָס זיי זאָגן אַזוי, איז דערפאַר ווייל 'אשרי העם שה' אלקיו'. זיי וויסן אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די גאַנצע וועלט, ממילא איז נישטאָ קיין אָרט פאַר קשיות.

**ד.** אַזוי האָבן צדיקים געטייטשט דעם פסוק ביים סוף פון דער היינטיגער פרשה (ו, ח) 'ונח מצא חן בעיני ה''. נח איז אייביג געווען רואיג און מיט ישוב הדעת, ווייל **ער האָט געזען ביי יעדער זאַך וואָס האָט פאַסירט מיט אים: עיני ה'** - אַלעס איז מיט אַ וואונדערליכע השגחה פרטית פון הימל.

אַ חתן פון ארץ ישראל איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע, כדי 'מזכה צו זיין' אידן נדיבי עם מיט טראָגן אַ חלק אין די ריזיגע הוצאות פון זיין חתונה. איינמאָל ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר פון אַ 'נגיד' כדי צו בעטן אַ נדבה, האָט דער בעה"ב 'געעפנט אַ מויל' אויף אים, און אים אָנגעשריגן הויך: 'וואָס האָסטו צו גיין זאַמלען נדבות אין די אידישע הייזער? גיי אַרבעטן, וועסטו פאַרדינען דיין א געהאלט ביושר ובכבוד'.

און צו די וואונדער פונעם בעה"ב, במשך דער גאַנצער צייט וואָס ער האָט 'אַריינגעפאָרן', דעם בחור, איז דער בחור געשטאַנען און געשוויגן, גלייך ווי ער וואָלט אים דאָ געזאָגט דברי חיזוק, 'כמים קרים על נפש עייפה', ווי אַ בחור וואָס הערט יעצט אַ 'שיעור כללי', פון זיין ראש ישיבה...

ווען ער האָט געענדיגט זיין 'דרשה', האָט ער געגעבן פאַר דעם חתן דריי הונדערט דאָלאַר. דער חתן האָט אים שיין באַדאַנקט און האָט זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין פון דאַרט. אָבער דער בעה"ב האָט אים צוריקגערופן, און אים געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג: פון וואו האָסטו גענומען אַזעלכע שטאַרקע כוחות הנפש צו הערן די זידלערייען, און בזיונות און בלייבן שטיל און רואיג?

האָט דער חתן ארויסגענומען אַ ביכל מיט אַדרעסן פון פאַרשידענע רייכע אידן (וואָס ער האָט באקומען פון אַנדערע מענטשן), וואו ס'איז געווען פאַרשריבן ביי יעדן אַדרעס וואָס דער דאָרטיגער איינוואוינער טוט, ווי אַזוי ער נעמט אויף די משולחים און נצרכים, און וויפיל געלט ער גיט פאַר יעדן נצרך, א.א.וו. 'ביי אייך איז געשטאַנען אויפגעשריבן: 'כועס וזועף, מקלל וצועק, ולאחר מכן תורם שלוש מאות דאלאר'.... ער בייזערט זיך, ער שעלט און ער שרייט, אָבער דערנאָך גיט ער דריי הונדערט דאָלאַר...

דער בחור האָט אויסגעפירט: 'נו, פאַרשטייסטו פון וואו איך האב גענומען די כוחות צו שטיין אַזוי רואיג און הערן ווי איר שרייט, **ווייל איך האָב געוואוסט** אַז אויב עס ווערט פאַרווירקליכט פאַר מיינע אויגן דאָס וואָס עס שטייט אינעם ביכל, 'כועס וזועף', און דערנאָך 'מקלל וצועק', וועט דער אויבערשטער מיר העלפן, און ס'וועט שוין אויך מקיים ווערן די 'סיפא', וואו עס שטייט: 'ולאחר מכן תורם שלש מאות דולר'...

דאָס זעלבע איז מיט אונז. אויב מיר זאָלן גלייבן און וויסן מיט א זיכערקייט (על כל פנים, אַזוי שטאַרק ווי יענער בחור האָט געגלייבט אין די ווערטער פון דעם וואָס האָט אים פאַרצייכנט די 'סימנים'), אַז קיין שום זאַך פאַסירט נישט אויף דער וועלט אויב מ'האָט נישט אויסגערופן פריער וועגן דעם אין הימל, קען מען ביישטיין אַלע נסיונות, און אָננעמען אַלעס מיט ליבשאַפט, ובחפץ לב... און מ'איז אויך זוכה צו גרויסע ישועות.

דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל האָט דערציילט, אין בריסק האָט געוואוינט אַ יונגערמאַן וואָס האָט אָפּגעקויפט עטליכע וועלדער אַרום דער שטאָט, און ער האָט גאָר שטאַרק מצליח געווען ביים האַקן די העלצער און זיי פאַרקויפן. ער איז געוואָרן אַזוי רייך, ביז אַלע וועלדער וואָס נעמען אַרום די שטאָט בריסק, האָבן באַלאַנגט צו אים.

'לא לעולם חוסן', און אין אַ טאָג האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה אין זיינע וועלדער, און ביז געציילטע שטונדן זענען אַלע זיינע וועלדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש. אַזש אַז דער יונגערמאַן איז אַרויסגעגאַנגען, 'נקי מנכסיו' - 'בעירום ובחוסר כל' ל"ע.

יעדעס מאָל ווען דער יונגערמאַן איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן זיינע וועלדער, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ: 'אוי, וועלדעלעך, וועלדעלעך, וויפיל געלט האָב איך אינוועסטירט אין אייך! מיין גאַנצע האָרעוואַניע איז דאָך געווען אומזיסט'.

זוי גרויס עס איז דער שכר פון דעם מענטש וואָס האָט אמונה, קען מען זען פון די ווערטער פון דעם 'אור החיים' הקדוש זי"ע, אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ד, יד-טו) וואָס קין האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטען, 'והיה כל מוצאי יהרגני', און דער אויבערשטער האָט אים געענטפערט, 'לכן כל הורג קין שבעתים יוקם, וישם ה' לקין אות לבלתי הכות אותו כל מוצאו'.

שרייבט דער 'אור החיים' הקדוש, דער דאָזיגער 'אות' איז דער צייכן וואָס ווערט אָנגעצייכנט אויפ'ן שטערן פונעם מענטש וואָס איז מקיים אַ מצוה (זוה"ק פ' ויקרא, טז:), אים צו באַשיצן. דער טעם פאַרוואָס קין האָט זוכה געווען צו דעם איז ווייל ער איז געקומען צו דער אַנערקענונג אַז אויב דער אויבערשטער וועט אים נישט אָפּהיטן, איז ווער ס'וועט אים טרעפן וועט אים

---

אַמאָל האָט דער מרא דאתרא, דער בריסקער רב, הגאון בעל 'בית הלוי' זצ"ל, געהערט ווי דער יונגערמאַן קרעכצט אַזוי ביטערליך, האָט ער אים געזאָגט:

- וויסן זאָלסטו אַז דו טאָרסט נישט אַזוי זאָגן, נאָר דו דאַרפסט גלייבן באמונה שלימה אַז נישט צוליב דעם ווייל דו האָסט אינוועסטירט אַזוי פיל געלט אין די וועלדער ביסטו געוואָרן אַ יורד, נאָר וויבאַלד עס איז נגזר געוואָרן אויף דיר אַז דו זאָלסט ווערן אַ יורד, האָסטו אינוועסטירט דיין געלט אין די וועלדער'.

החסיד המפואר רבי זלמן בריזל ז"ל פון ירושלים, האָט דערציילט אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביים הייליגן 'ינוקא' פון סטאָלין זי"ע (באַקאַנט אויך אַלס דער פראַנקפורטער, ווייל ער ליגט אין פראַנקפורט). איינער פון די חסידים פון דעם 'ינוקא', וועלכער איז געווען זייער רייך, האָט אַמאָל באַקומען אַ ידיעה אַז איינע פון זיינע שיפן וואָס האָט געפירט אַסאַך סחורה וואָס איז ווערד געווען אַ הון רב, איז דערטרונקען געוואָרן אין ים. הערנדיג וועגן דעם האָט דער עושר גע'חלש'ט, און זיין לעבן איז געווען אין אַ סכנה ל"ע, נישט קענענדיג אויסהאַלטן דעם צער פון דעם פאַרלוסט.

ווען דער הייליגער 'ינוקא' זי"ע האָט געהערט דערפון, האָט ער געשיקט זאָגן פאַר דעם חסיד ער זאָל זיך באַרואיגן, ווייל ס'איז נישט ריכטיג, ס'איז נישט געווען זיין שיף. איבריג צו זאָגן אַז ביז עטליכע שעה האָט מען טאַקע מודיע געווען פאַר דעם חסיד, אַז די דערטרונקענע שיף איז נישט געווען זיינע.

שפּעטער האָט דער 'ינוקא' געזאָגט, אַז דאָ איז נישט געווען אַן ענין פון רוח הקודש, נאָר וויבאַלד ער האָט נישט געהאַט די כוחות הנפש אָנצונעמען באהבה די שווערע בשורה, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט זיין שיף, ווייל **פון הימל פּרובירט מען נישט אַ מענטש אויב מ'האָט אים נישט געגעבן פון הימל פריער די כוחות הנפש אויסצוהאַלטן דעם נסיון.**

ענליך ווערט דערציילט, אַ בחור וואָס האָט זיך געדרייט אין בית המדרש פון דעם הייליגן רבי ר' זושא פון האַניפּאָלי זי"ע, האָט אַמאָל באַקומען אַ בריוו וואו מ'לאָזט אים וויסן פונדערהיים אַז זיין מאַמע איז נפטר געוואָרן ל"ע. ווען דער בחור האָט געזען דעם בריוו, האָט ער גע'חלש'ט. די אידן אין שול האָבן אים דערמונטערט, און דערנאָך האָט דער רבי ר' זושא אים געזאָגט: 'ס'איז אַ טעות, דיין מאַמע לעבט'.

עטליכע טעג שפּעטער איז מען געקומען פון פּאָסט-אַמט אים זאָגן אַז ס'איז געווען אַ טעות. דער בריוו איז געשיקט געוואָרן צו אַן אַנדערן.

אַ האַלב יאָר שפּעטער, האָט דער בחור ווידער באַקומען אַ בריוו מיט דער מעלדונג אַז זיין מאַמע איז אַוועק פון דער וועלט ל"ע. דאָס מאָל האָט ער אָבער אויפגענומען די ידיעה מיט אַ רואיגן געוויסן. האָט דער רבי ר' זושא אים געזאָגט ער זאָל שנעל אהיימפאָרן ווייל ס'איז וויכטיג.

און דער רבי ר' זושא האָט מסביר געווען, אַז ס'איז נישט אַ 'רוח הקודש', נאָר וואָס דען, דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב געזען אַז ער איז נישט בכח אויפצונעמען די שווערע בשורה, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דא האָט פּאַסירט אַ טעות, ווייל **צוזאַמען מיט אַלע שוועריגקייטן גיט מען פאַר דעם מענטש די כוחות הגוף והנפש צו קענען אויסהאַלטן די צרה.** און וויבאַלד ער איז נישט בייגעשטאַנען, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט זיין צרה, נאָר אַ צווייטנ'ס (וועלכער האָט יאָ באַקומען די כוחות צו שטיין און עס אויסהאַלטן) אַזוי ווי עס האָט זיך טאַקע שפּעטער אַרויסגעשטעלט.

אָבער ווען ס'איז געקומען דער צווייטער בריוו, און איך האָב געזען אַז ער פאַרלירט זיך נישט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז יעצט איז עס ריכטיג, און אַז מ'האָט אים געגעבן פון הימל די נויטיגע כוחות בייצושטיין אַלע שוועריגקייטן, און צוליב דעם האָב איך אים באַלד אַהיימגעשיקט.

חלילה הרג'ענען, און וועגן דעם האָט ער זוכה געווען אַז דער אויבערשטער זאָל אים באַשיצן.

**ויעשו להם חגורות - עצבות און יאוש, איז דער 'אבי אבות' פון אַלע עבירות**

**דער** אויבערשטער ברוך הוא האָט געגעבן אַ גוטע מתנה פאַר אידישע קינדער, דעם כח פון התחדשות, באַנייאונג[ה], אַז אויך אינעם ערגסטן און נידריגסטן מצב האָט אַ איד אייביג דעם כח זיך צו באַנייען און אָנהייבן פונדאָסניי, פון 'בראשית'.

**דאָס** איז אַ גרויסער כלל, אַז דער מענטש זאָל נישט קוקן אויף זיין עבר[ו], צו 'שווימען' אין זיינע נפילות און שטרויכלונגען, נאָר ער זאָל אייביג קוקן אויפ'ן עתיד[ז], 'מאי דהוה הוה'.

---

**ה.** מ'דאַרף געדענקען, אַז **דער גאַנצער מהות פון אידן איז דער ענין פון 'התחדשות'** (אַזוי ווי מיר זאָגן ביי קידוש לבנה, 'שהם עתידים להתחדש כמותה'), און ווי רש"י זאָגט אָנהייב פרשה 'בשביל ישראל שנקראו ראשית'. דאָס הייסט אַז דער עצם 'נאָמען' פון אידישע קינדער איז דאָס באַנייאונג.

איינער פון די צדיקי דורנו האָט געזאָגט אויף דעם לשון וואָס מיר זאָגן ('אדון עולם'), 'בלי ראשית בלי תכלית', אַז אויב דער מענטש איז 'אָן אַ ראשית' - דאָס הייסט, עס פעלט אים דער כח פון באַנייאונג און פון התחזקות, איז אַלעס וואָס ער טוט 'בלי תכלית'...

**ו.** דער הייליגער שינאָווער רב זי"ע האָט געזאָגט, אַז מ'לייענט פרשת בראשית באַלד נאָך די ימים נוראים, כדי צו ווייזן אַז **'מאי דהוה הוי', און יעצט הייבט מען אָן אַ ניי בלעטל פון 'בראשית'**. דער מענטש האָט די אויפגאַבע זיך צו דערווייטערן פונעם עבר, און צו טראַכטן נאָר וועגן דעם עתיד.

די תורה ענדיגט זיך מיט די ווערטער 'לעיני כל ישראל', וואָס רש"י טייטשט, 'שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם'. משה רבינו האָט צעבראָכן די לוחות פאַר די אויגן פון די אידן. זאָגט דער פיטסבורגער רבי, הרה"ק בעל 'צדקת יוסף' זצ"ל, אַז דער פסוק קומט מרמז זיין אַז **אויך אויב מ'האַלט ביי 'שבירת הלוחות' ח"ו, דאַרף מען זיך אַלץ שטאַרקן און זיך פרייען מיט דער שמחה פון דער תורה, און באַלד דערנאָך אָנהייבן פון 'בראשית'**.

**ז.** דער תכלית פון דער עבודה פון ראש השנה איז דאָך 'שתמליכוני עליכם' (ר"ה טז.) - צו קרוינען דעם באַשעפער אַלס אַ קעניג אויף אונז און אויף דער גאַנצער וועלט, און די עבודה פון יום כיפור איז תשובה און צו בעטן מחילה אויף אַלע עבירות. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זענען דאָ צוויי אַנדערע עבודות,ביידע זענען דאָך אַ טייל פון די עשרת ימי תשובה?

איז דער תירוץ, אַז דאָס קומט אונז לערנען, אַז די ערשטע זאַך אינעם יאָר איז צו קרוינען דעם אויבערשטען אלס קעניג פון יעצט און ווייטער. נאָר נאָך דעם ווי מ'שטעלט זיך אַוועק אויפ'ן גוטן וועג, איז די צייט צו טראַכטן וועגן דעם עבר...

## מן הבאר

דער זוהר הקדוש זאָגט (הקדמת הזוה"ק ב:, ובפירוש 'מתוק מדבש'), אַז ווען דער אויבערשטע האָט געוואָלט באַשאַפן די וועלט, זענען אַריינגעקומען פאַר אים אַלע אותיות איינער נאָכ'ן אַנדערן. יעדער אות האָט געזאָגט אַז מיט אים איז ראוי פאַר דעם אויבערשטען צו באַשאַפן די וועלט. ווען ס'איז אַריינגעקומען פאַר דעם באַשעפער דער אות צדי"ק, האָט דער אויבערשטער איר געענטפערט מיט ליבשאַפט מער ווי פאַר די אַנדערע אותיות, אַז באמת איז טאַקע געווען ראוי צו באַשאַפן די וועלט מיט איר, נאָר אויב ער וועט באַשאַפן די וועלט מיט'ן אות צדי"ק, איז פון דער גרויסער קדושה און לעכטיגקייט וואָס וועט זיין אויף דער וועלט, וועלן מענטשן זיך מייאש זיין נאָך דעם ווען זיי וועלן נכשל ווערן מיט אַן עבירה, אַז זיי קענען שוין מער נישט פאַרעכטן זייער פגם, און **דער אויבערשטער וויל דאָך נישט אַז אַ איד זאָל חלילה אַריינפאַלן אין יאוש**, דעריבער האָט דער אויבערשטער אויסגעוועהלט נישט צו באַשאַפן די וועלט מיט'ן אות צדי"ק, כאָטש עס וואָלט אַזוי געדאַרפט זיין, **דער עיקר איז אַז מ'זאָל זיך נישט מייאש זיין**, נאָר מ'זאָל זיך אייביג קענען שטאַרקן...

**דאָס** קען מען אויך זען פון דעם מנהג ישראל תורה, אַז שמחת תורה, באַלד ווען מ'ענדיגט לייענען די תורה, הייבט מען אָן פרשת בראשית [דער 'אבודרהם' שרייבט בדרך הפשט, אַז דער טעם דערפון איז, כדי נישט צו געבן אַ פּתחון פּה ח"ו פאַר דעם שטן צו טענה'ן אַז אידן פרייען זיך מיט'ן ענדיגן די תורה, ווייל ס'איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון זיי אַן עול. ענליך שרייבט דער מהרש"א אין 'חידושי אגדות' (ע"ז יט., ד"ה 'סליק ספרא'), אַז צוליב דעם פירט מען זיך ביי יעדן סיום מסכתא אָנצוהייבן אַן אַנדערע מסכתא, כדי דער שטן זאָל נישט מקטרג זיין]. דאָס איז אויך אַ רמז, אַז אויך **ביי דעם סיום איז די הויפּט-שמחה אויפ'ן עתיד**, וואָס יעדער איינער נעמט אויף זיך און ער הייבט אָן פון 'בראשית', קוקנדיג פאָראויס און נישט צוריקוועגס. פון יעצט און ווייטער וועט ער נאָר ווען לערנען און היטן די תורה[ח].

**לויט** דעם קען מען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס די תורה הייבט זיך אָן מיט'ן אות ב' פון פון דעם ווארט בראשית, און נישט מיט'ן אות א' וואָס איז דער ערשטער אות פון אל"ף-בי"ת. דאָס קומט אונז לערנען, אַז באַלד ביים 'אָנהייב' פון דעם דרך פון תורה ועבודה, דאַרף מען זיך פירן אַזוי ווי דער אות ב', וואָס איז פאַרמאַכט פון 3 זייטן, און ס'איז אָפן נאָר פון פאָרנט, אַזוי דאַרף דער מענטש קוקן נאָר פון 'פאָרנט', און נישט 'צוריקוועגס' - נישט צו טראַכטן וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעטוהן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

**דער** אות ב' האָט אָבער אַן 'עוקץ' פון אונטן, מרמז צו זיין אַז דער מענטש טאָר נישט פאַרגעסן אינגאַנצן דעם עבר. ער זאָל שטענדיג אַביסל יא געדענקען דערפון, כדי ער זאָל וויסן פון וואָס ער דאַרף זיך צוריקהאַלטן אין דער צוקונפט. דאָס איז אָבער נאָר גאָר ווייניג, אַזוי ווי דער קליינער 'עוקץ' וואָס איז פון אונטן ביי דעם אות ב' (ענליך שרייבט דער רבינו יונה אין זיין פירוש על התורה, לגבי דעם ענין נישט צו פאָרשן 'מה למעלה' וכו').

**אַזוי** שרייבט קלאָר דער 'ספורנו' אין דער היינטיגער פרשה (ד, ז), אויפ'ן פסוק 'ולמה נפלו פניך': ווען דער קלקול האָט עפּעס אַ תקנה, איז נישט ראוי פאַר'ן מענטש צו האָבן צער אויפ'ן עבר, נאָר ס'איז ראוי זיך משתדל צו זיין צו דערגרייכן אַ תיקון לעתיד[ט].

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ד, ו-ז) 'ויאמר ה' אל קין למה חרה לך ולמה נפלו פניך, הלוא

---

**ח.** אַ חסיד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר'ן קאָצקער רבי'ן זי"ע, אַז ער האָט נישט מיט וואָס זיך צו פרייען שמחת תורה. 'לב יודע מרת נפשו', אַז ער האָט אַ גאַנץ יאָר נישט געלערנט געהעריג. האָט דער קאָצקער רבי אים געזאָגט:

- **די הויפּט שמחה פון שמחת תורה, איז וואָס מ'פאַנגט אָן די תורה**, ווייל ס'איז נישטאָ אַ מענטש אויף דער וועלט וואָס קען זאָגן, איך האָב זוכה געווען מסיים צו זיין די תורה... אָבער אויף להבא, קען יעדער איינער נעמען אויף זיך. ממילא, איז די שמחה פון שמחת תורה שייך ביי יעדן איינעם.

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, אַז **די שמחה אין דעם טאָג פון שמחת תורה, איז אַ הכנה צו קבלת התורה אַ גאַנץ יאָר**.

**ט.** די הויפּט עבודה פון אַ איד איז, מקיים צו זיין ביי זיך 'אל תזכר לנו עונות ראשונים', ער זאָל אייביג זוכן אַרויפצוגיין און שטייגן מעלה מעלה ברוחניות, ווי הגה"ח רבי בן ציון אַפּטער זצ"ל האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק וועגן אדם הראשון, נאָך דעם ווי ער האָט געזינדיגט ביים עץ הדעת (פרשתינו ג, ז) 'ויתפרו עלי תאנה'. דער טייטש פון וואָרט 'תאנה' אויף אידיש, איז אַ 'פייג', אָבער מענטשן זאָגן 'אַ פייג', ווען מ'וויל ווייזן אַז מ'וועט נישט נתפעל פון יענעמ'ס ווערטער.

האָט רבי בן ציון אַפּטער געזאָגט, תוספות (סנהדרין ע:, ד"ה 'בה') זאָגט, אַז אַלע ביימער האָבן אַוועקגעשטופּט אדם הראשון ער זאָל זיך נישט דערנענטערן צו זיי, און וועגן דעם האָט ער פאַר זיך אויפגענייט בלעטער פון אַ פייג, **זאָגנדיג צו אַלע ביימער 'אַ פייג, אַ פייג'... איך וועל נישט נתפעל פון אייך, איך וועל נישט ווערן טרויעריג**, נאָר איך וועל אָנהייבן פון אָנהייב, מיט אַ נייער התחדשות.

אַזוי שרייבט הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע פון סלאָנים, אויפ'ן פסוק 'ותפקחנה עיני שניהם וגו' ויתפרו עלי תאנה'. נאָך דעם ווי אדם און חוה האָבן געזינדיגט, האָבן זיי באַלד געשפּירט 'כי ערומים הם' - אַז זיי זענען געבליבן בעירום ובחוסר כל, אָן מצוות, ווייל ביי יעדע עבירה איז דאָך די הנאה דערפון נאָר בשעת מעשה, און דערנאָך האָט מען חרטה, און עס טוט ווי דאָס האַרץ אַז מ'האָט זיך נישט געקענט שטאַרקן אויף דער תאוה.

אם תיטיב שאת', איז לכאורה שווער, וואָס איז די קשיא 'למה חרה לך ולמה נפלו פניך'? עס שטייט דאָך קלאָר פריער אין פסוק, אַז דער אויבערשטער האָט נישט אָנגענומען דעם קרבן פון קין. איז דאָך ממילא פאַרשטענדליך פאַרוואָס ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַן 'אַראָפּגעלאָזטע נאָז'?

**נאָר** די כוונה איז, דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט, אויך אויב דו ביסט נכשל געוואָרן, און דו האָסט נישט 'מקריב געווען' דעם קרבן פון באַשעפער ווי געהעריג, און צוליב דעם איז דיין קרבן איז נישט אָנגענומען געוואָרן לרצון, איז נאָך אַלץ דאָ אויף דיר אַ גרויסע טענה, 'למה נפלו פניך', ווייל עצבות און יאוש, און דאָס זוערן געפאַלן ביי זיך, איז דער 'אבי אבות' פון אַלע עבירות'. נאָר דער מענטש דאַרף זיך שטאַרקן מיט באַנייטע כוחות[א]. אויב דו וועסט ווערן בעסער פון יעצט און ווייטער, 'שאת' - וועסטו זיך אויפהייבן העכער און העכער, פיל העכער פון דעם וואָס דו ביסט געווען ביז יעצט.

---

**'ויעשו להם חגורות'** - האָבן זיי זיך גענומען שטאַרקן און פאַרריכטן אַלעס מיט תשובה. **זיי האָבן זיך 'אונטערגעגאַרטלט'** צו בויען פון יעצט און ווייטער אַ נייע וועלט, ווייל מיט אַ געפאַלענעם מוט קען מען אין ערגעץ נישט אָנקומען, נאָר מיט שמחה און התחזקות.

די ספרים זאָגן, דאָס וואָרט 'בראשית' איז די אותיות **'ב' ראשית'**. דאָס הייסט, צוויי מאָל 'ראשית'. מ'זאָל זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין פון תשובה טוהן, נאר זיך באַנייען יעדן טאָג פונדאָסניי. אַפילו אויב מ'האָט שוין אָנגעהויבן, 'בראשית', און מ'איז אַדורכגעפאַלן, זאָל מען אָנהייבן פון 'בראשית' אַ צווייטן מאָל.

לויט דעם קען מען אויך זאָגן אַ טעם פאַרוואָס די תורה האָט אָנגעהויבן מיט דעם אות ב', און נישט מיט'ן אות א', כדי צו ווייזן אַז אפילו אויב מ'האַלט שוין נישט ביי די א', נאָר ביי די ב'... מ'האָט שוין אָנגעהויבן און איבערגעהאַקט, זאָל מען זיך שטאַרקן אָנצוהייבן נאָך אַמאָל, אין דעם מצב פון 'בראשית'.

אַזוי געפינען מיר אויך אין די גמרא (מגילה לא.) אַ מחלוקת פון תנאים לגבי דעם ענין פון קריאת התורה. איינער האַלט אַז דאָרט וואו מ'הערט-אויף צו לייענען שבת ביי מנחה, הייבט מען אָן צו לייענען מאָנטאָג אינדערפרי, און אין דעם אָרט וואו מ'ענדיגט מאָנטאָג זעצט מען פאָר צו לייענען דאָנערשטאָג, און פון דאָרט לייענט מען שבת. דער אַנדערער מאן דאמר האַלט אָבער, אַז מ'זאָל אייביג אָנהייבן פון אָנהייב פרשה, שבת ביי מנחה, מאָנטאָג, דאָנערשטאָג און שבת, און **אַזוי פסק'ענט מען להלכה.**

קען מען זאָגן, אַז דאָס קומט אונז מרמז זיין, אַז דער מענטש קען אייביג נאָך אַמאָל אָנהייבן זיין תורה און עבודה פונדאָסניי, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. אויך אויב ער איז צוריקגעפאַלן ח"ו, קען ער זיך נאָך אַלץ אומקערן צו זיין מקור - צוריקצוקומען און צו שטייגן.

**י.** דער טשעבינער רב זצ"ל, האָט נאָכגעזאָגט אַ וואָרט וואָס ער האָט געהאַט בקבלה איש מפי איש ביז'ן הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, אויפ'ן פסוק ביים סוף פון דער היינטיגער פרשה (ו, ה-ו), 'וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ, וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום, וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ ויתעצב אל לבו, ויאמר ה' אמחה את האדם אשר בראתי מעל פני האדמה'.

האָט דער רבי פון לובלין געזאָגט, **'וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ'** - ווען דער באַשעפער זעט אַז אַ מענטש זינדיגט ח"ו, איז ער נאָך נישט אַזוי ברוגז אויף אים, ווייל ער ווייסט דאָך אַז דאָס איז אַלעס די אַרבעט פון דעם יצר הרע: **'וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום'** - דער יצר הרע דריקט אויף אים און רעדט אים צו ער זאָל טוהן עבירות ח"ו. אויף דעם זאָגט דער פסוק, **'וינחם ה''**, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (סוכה נב:) אַז איינער פון די פיר זאַכן וואָס דער אויבערשטער כביכול האָט חרטה אַז ער האָט זיי באַשאַפן, איז דער יצר הרע.

נאָר וואָס דען, אויב **'ויתעצב אל לבו'** - ווען דער באַשעפער זעט אַז דער מענטש איז געוואָרן טרויעריג און ער ווערט מיואש פון זיין עבודה, ווייל ער זאָגט, 'איך בין דאָך אַזאַ בעל עבירה אַז ס'איז נישטאָ פאַר מיר קיין האָפענונג ח"ו, דעמאָלט זאָגט דער באַשעפער, **'אמחה את האדם אשר בראתי'. ס'איז נישטאָ אַן ערגערע זאַך ווי אַריינצופאַלן אין עצבות, און דורך דעם נאָכצולאָזן זיך פון עבודת ה'**, ווייל דורכ'ן עצבות וועט ער צום סוף אָפּלאָזן זיין גאַנצע עבודה, און אַז ער איז טרויעריג, איז ער זיך מייאש פון קעמפן קעגן דעם יצר הרע.

**יא.** דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט א משל: דער רוסישער צאַר, האָט געליטן פון דער 'מחלת הרדיפה', ער האָט זיך כסדר איינגערעדט אַז זיינע שונאים ווילן אים כסדר אומברענגען, און צוליב דעם, יעדעס מאָל

מ'דאַרף אַריינלייגן אין האַרץ די פייערדיגע ווערטער פון 'רבינו בחיי' ז"ל אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ג, כא), 'ויעש ה' אלקים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם'. לכאורה איז שווער, פאַרוואָס

ווען ער איז אַרויסגעפאָרן אויפ'ן וועג, האָט מען אַוועקגעשטעלט וועכטער אויפ'ן וועג כדי אים צו היטן, אַז עס זאָלן דאָרט נישט אַדורכגיין מענטשן ווען דער צאַר ימ"ש פאָרט אדורך. אַ לאַנגע צייט פאַר דעם צאַר'ס אָנקום, פלעגן די וועכטער אים אָפּוואַרטן, און ווען ער איז אָנגעקומען, פלעגן זיי אים ווייזן אַז דער וועג איז אָפן און פריי.

איינמאָל איז איינער פון די וועכטער געוואָרן זייער דורשטיג, וואַרטנדיג אַ לאַנגע צייט אויפ'ן צאַר. ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און זעענדיג אַ טייך נישט ווייט פון דעם אָרט וואו ער איז געשטאַנען און געהיטן, האָט ער שנעל אויסגעטוהן זיינע קליידער און איז אַריינגעשפּרינגען אין וואַסער. זייענדיג אין וואַסער האָט ער געהערט די פוסטריט פון דעם צאַר'ס רייטוואָגן, און ער איז שנעל אַרויסגעשפּרינגען פון וואַסער, ער האָט נישט באוויזן אָנצוטוהן זיינע קליידער, נאָר ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צוזאַמען מיט די אַנדערע סאָלדאַטן.

ווען דער צאַר האָט באַמערקט דעם סאָלדאַט ווי ער שטייט נאַקעט און באָרוועס, האָט אים גאָר שטאַרק פאַרדראָסן זיין גרויסע חוצפּה, צו שטיין אַזוי פאַר'ן קעניג, און ער האָט אים געוואָלט הרג'ענען. האָט דער וועכטער זיך אַנטשולדיגט, זאָגנדיג אַז ס'איז טאַקע נישט אַ כבוד צו שטיין אַזוי פאַר'ן קעניג, אָבער צוליב דעם זאָל דער צאַר חלילה זיך דאַרפן צוריקהאַלטן פון פאָרן ווייטער אויפ'ן וועג? הערנדיג זיינע ווערטער, האָט דער צאַר זיך באַרויגט און אָנגענומען זיין אַנטשולדיגונג.

דער רוזינער האָט אויסגעפירט דעם משל: נאָך דעם ווי אדם הראשון האָט זיך באַהאַלטן פון דעם גרויסן באַשעפער, האָט ער זיך פאַרענטפערט, זאָגנדיג, (פרשתינו, ג, י-יא) 'את קולך שמעתי בגן, ואירא כי עירום אנכי ואחבא'. אוודאי ציטערט מיין נשמה, וויבאַלד איך האָב עובר געווען אויף דיין רצון, און צוליב דעם האָב איך מיך געשעמט פאַר דיר, און איך האָב מיך באַהאַלטן. האָט דער אויבערשטער אים געזאָגט: 'מי הגיד לך כי עירום אתה?' - ווער האָט דיר געזאָגט אַז דאָס איז גענוג אַ צופרידנשטעלנדע סיבה אויפצוהערן מיך צו דינען? **אפילו אַ איד וואָס איז נאַקעט פון מצוות ח"ו, ער האָט נישט אין זיך תורה און קדושה, איז זיין עבודה נאָך אַלץ באַליבטביים באַשעפער, און עס דערגרייכט ביז דעם כסא הכבוד.** (געברענגט אין ספר 'עירין קדישין')

הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, פלעגט זאָגן: 'איך האָב נישט אַזוי ווייט מורא פאַר דער עבירה, נאָר מיין הויפּט פחד איז פון דעם 'גוררת'...' - פון דעם וואָס דער מענטש ווערט נאָכגעשלעפּט נאָך דער עבירה. 'עבירה גוררת עבירה', און ווער ווייסט וואָס די רעזולטאַטן וועלן זיין.

דערפאַר, אויב דער מענטש איז חלילה שוין אַדורכגעפאַלן, טאָר ער זיך נישט נעמען צום האַרץ דערפון, נאָר ער דאַרף זיך שטאַרקן פון יעצט און ווייטער, כדי ער זאָל נישט פאַרזעצן צו פאַלן נאָך נידריגער ח"ו.

הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט, אַז ער האָט געהערט פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, אַ וואָרט פון וועלכן ער האָט געשעפּט חיזוק 40 **יאָר:**

## מן הבאר

דער פסוק זאָגט, 'וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ, **ויתעצב** אל לבו'. האָט דער 'אמרי אמת' געזאָגט, די כוונה איז נישט אַז דער אויבערשטער איז חלילה געוואָרן בעצבות, ווייל ביים אויבערשטען איז נישט שייך ער זאָל זיין בעצבות ח"ו, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט, 'עוז וחדוה במקומו'. נאָר וואָס דען? די מענטשן פונעם דור המבול זענען אייביג געווען פריילך, ווייל עס האָט זיי גאָרנישט געפעלט, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין קח.), און ס'איז באַקאַנט פונעם אריז"ל אַז דורך שמחה קען דער מענטש צוקומען צו אַלע מדריגות, און די דינים קענען נישט רוען אויפ'ן מענטש ווען ער איז פריילך. צוליב דעם, איז **כאָטש די מענטשן פון דור המבול האָבן געזינדיגט, האָט דער אויבערשטער כביכול זיי נישט געקענט שטראָפן פאַר זייערע זינד, ווייל זיי זענען געווען פריילך.**

אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'ויתעצב אל לבו'. דער אויבערשטער האָט אַריינגעברענגט עצבות אין די הערצער פון **די מענטשן פון דור המבול**, און אַז זיי זענען שוין געווען טרויעריג, האָט ער געקענט ברענגען אויף זיי דעם מבול. (ספר 'ליקוטי יהודה', פרשתינו)

שטייט נישט 'ויעש ה' אלקים כתנות עור ללבוש', אַזוי ווי יעקב אבינו ע"ה האָט געבעטן 'ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש' (און ער האָט נישט געבעטן אַז דער אויבערשטער זאָל אים אנטוהן דעם בגד)?

**ענטפערט** דער 'רבינו בחיי', אַז דעריבער טוט די תורה אויסשמועסן אַז דער באַשעפער האָט אָנגעטוהן אדם, כדי דיך צו לערנען די ליבשאַפט פון באַשעפער און זיין רחמנות אויף זיינע באַשעפענישן, אַז אויך אויב זיי האָבן געזינדיגט, האָט ער זיי ווייטער ליב, און דער אויבערשטער אַליין האָט זיך משתדל געווען זיי צו פאַררעכטן און צו טוהן מיט זיי דעם חסד.

**אם תיטיב שאת - די וועלט שטייט נאָר אויף חסד וואָס מ'טוט איינער מיט'ן אַנדערן**

**אויפ'ן** פסוק אָנהייב היינטיגע פרשה (א, א) 'בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ', זאָגט רש"י (און דער מקור דערפון איז אין מדרש, בראשית רבה, פי"ב, טו), אַז דער פסוק זאָגט 'ברא אלוקים', און נישט 'ברא ה'', וואָס איז מרמז אויף די מדה פון רחמים, ווייל אין אָנהייב האָט דער אויבערשטער געוואָלט באַשאַפן די וועלט מיט די מדה פון רחמים, און ווען ער האָט געזען אַז די וועלט קען נישט האָבן אַ קיום אויף דעם אופן, האָט ער געפעדערט די מדה פון רחמים, און עס צוגעשטעלט צו די מדה פון דין, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (ב, ד) 'ביום עשות ה' אלוקים ארץ ושמים'.

**פרעגט** דער 'זרע שמשון' (פ' בראשית, ד"ה 'במדרש ע"פ נעשה'), אויף דעם וואָס דער מדרש זאָגט אַז די וועלט האָט נישט געקענט האָבן אַ קיום מיט מדת הדין, אויב דער אויבערשטער וואָלט באַשאַפן די וועלט נאָר מיט מדת הדין, און ער וואָלט נישט צוגעשטעלט דערצו די מדה פון רחמים, וואָלט דאָך די הנהגה פון דעם אויבערשטען געוועןן צו באַשטראָפן תיכף ומיד יעדן איינעם וואָס איז געשטרויכלט געוואָרן מיט אַן עבירה, מיט'ן גאַנצן חומר הדין, און דאַן וואָלטן אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט מורא געהאַט צו זינדיגן, ווייל מ'וואָלט דאָך געזען ווי דער אויבערשטער באַשטראָפט אַלע וואָס זענען עובר אויף זיין רצון, און פון די מורא פונעם דין וואָלטן אַלע געטוהן דעם רצון ה' באימה וביראה. אויב אַזוי איז שווער, פאַרוואָס זאָגט דער מדרש אַז די וועלט קען נישט האָבן אַ קיום מיט די מדה פון דין, אדרבה, דייקא די מדה פון דין איז די וואָס שטעלט אַוועק די וועלט צו טוהן דעם רצון השם אָן צו זינדיגן בכלל, ווייל אַלע וואָלטן געווען צדיקים, נו, פאַרוואָס וואָלט די וועלט נישט געקענט שטיין?

**ענטפערט** דער 'זרע שמשון', ווייל חז"ל זאָגן (אבות פ"א, מ"א) אַז די וועלט שטייט אויף דריי זאַכן: אויף תורה, עבודה, און גמילות חסדים. דער בעסטער וועג ווי אַזוי צו קענען טוהן חסד מיט אַנדערע מענטשן, איז דורך אפלערנען פון די הנהגה פון דעם אויבערשטען, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (שבת קלג:) 'מה הוא רחום וחנון, אף אתה היה רחום וחנון'.

**ממילא**, אויב דער אויבערשטער וואָלט זיך געפירט מיט די וועלט נאָר מיט די מדה פון דין, וואָלטן דאָך אַלע זיך אַראָפּגעלערנט פון דעם אויבערשטען, אויך צו פירן זיך מיט די מדה פון דין, און קיינער וואָלט נישט געטוהן אַ חסד מיט'ן אַנדערן, און ממילא, וואָלט קיינער גאָרנישט מוותר געווען און אַוועקגעגעבן פון זיך. קומט אויס, אַז אַלע מענטשן וואָלטן געווען 'צדיקים' אין די ענינים 'בין אדם למקום', אָבער זיי וואָלטן געווען 'רשעים' איינער צום אַנדערן אין ענינים 'בין אדם לחבירו', און אַזאַ וועלט קען טאַקע נישט האָבן אַ קיום[יב], ווייל די וועלט קען האָבן אַ קיום

---

**יב.** דער מדרש זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (ב"ר פ"ד, ו) אַ טעם פאַרוואָס עס שטייען נישט די ווערטער 'כי טוב' ביי דעם צווייטן טאָג פון דער בריאה, האָט רבי חנינא געזאָגט, ווייל דעמאָלס איז באַשאַפן געוואָרן די מחלוקת (ביים צעטיילן די אויבערשטע וואַסערן פון די אונטערשטע וואַסערן), ווי דער פסוק זאָגט 'ויהי מבדיל בין מים למים'. האָט רבי טביומי געזאָגט, אויב אַ מחלוקת וואָס איז געווען פאַר דער טובה פון דער וועלט (אָפּצוטיילן די אויבערשטע פון די אונטערשטע וואַסערן), שטייט נישט דערביי 'כי טוב', איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַ מחלוקת וואָס טוט 'צעטומלען' די וועלט, אַז ס'איז נישט גוט. פון דעם זעט מען, **אַז אַפילו אַ מחלוקת וואָס איז פאַר דעם 'צורך' פון דער וועלט, איז אויך נישט גוט,** עס שטייט נישט דערביי 'כי טוב'...

נאָר דורך חסד וואָס די מענטשן טוהען איינער מיט'ן אַנדערן[יג]. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער משתף געווען די מדה פון רחמים, 'הנוהג בחסדו כל דור', כדי די מענטשן זאָלן זיך אַראָפּלערנען אַ וועג אין לעבן, אַז אויך זיי דאַרפן זיך פירן מיט די מדה פון רחמנות כלפי אַ צווייטן.

**לערנען** מיר דאָ אַ מורא'דיגן לימוד, ווי ווייט דער אויבערשטער וויל אַז די מענטשן זאָלן טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן[יד], אויף אַזוי ווייט, אַז כביכול ער האָט 'אַוועקגעשטעלט' אין אַ זייט זיין אייגענעם כבוד, און ער האָט צוגעשטעלט די מדה פון רחמים צו די מדה פון דין ביים באַשאַפן די וועלט, כאָטש

---

**יג.** ווי באַקאַנט, איז דער גאון רבי מאיר שפּיראָ זצ"ל, לובלינער רב, אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע, כדי צו זאמלען געלט פאַר זיין באַרימטער ישיבה 'חכמי לובלין'. ער האָט געוויילט אין אַמעריקע חודש תשרי פון יאָר תרפ"ז. שמחת תורה, איז זיין משמש וואָס האָט אים באַגלייט אויף זיין וועג קיין אַמעריקע, געוואָרן נישט געזונט ל"ע, און ער האָט נישט געקענט מיטהאַלטן ביי די הקפות אין ביהמ"ד. ס'איז איבריג צו שילדערן דעם שווערן געפיל וואָס דער משמש האָט געהאַט, ליגנדיג אַליין אין דער אכסניא שמחת תורה ביינאַכט, אַנשטאָט צו גיין אין שול און זיך פרייען מיט דער תורה.

ווען רבי מאיר שפּיראָ איז צוריקגעקומען צו זיין אכסניא פון די הקפות, און געזען זיין משמש ליגן אין בעט אין אַ טרויעריגער שטימונג, האָט ער אָנגעטוהן דעם טלית און אָנגעהויבן מיט זיין מעכטיגער שטימע, זאָגן די פסוקים 'אתה הראת', ווי אַ שליח ציבור וואָס שטייט פאַר'ן עמוד אין אַ שול וואָס איז פול מיט אידן... דאַן האָט ער פאָרגעזעצט צו מאַכן די 'הקפות', טאַנצנדיג מיט גרויס התלהבות, אַלעס, כדי צו געבן פאַר אַ צווייטן איד אַ גוטן געפיל...

דער אמת איז אָבער, אַז רבי מאיר שפּיראָ האָט נישט געדאַרפט ברענגען אַ ספר תורה צו טאַנצן דערמיט, ווייל אויסער וואָס ער אַליין איז געווען אַ 'לעבעדיגע ספר תורה', איז דאָך דער עצם גמילות חסדים, פון 'גופי תורה'...

**יד.** חז"ל זאָגן (אסת"ר פ"ז, יא) אַז די אידן זענען צוגעגליכן צו די שטערן אויפ'ן הימל. זאָגן די ספרים, די גאַנצע באַשאַפונג פון די שטערן איז דאָך געווען נאָר כדי איבערצובעטן די לבנה (נאָך דעם ווי זי איז קלענער געוואָרן), אַזוי ווי רש"י ז"ל שרייבט אין דער היינטיגער פרשה (א, טז) אַז וויבאַלד דער אויבערשטער האָט קלענער געמאַכט די לבנה, האָט ער פאַרמערט איר מיליטער - די שטערן, כדי איר איבערצובעטן. אַזוי דאַרפן אידן זיך אויך פירן, ווייל **דער עיקר תכלית פון אַ איד איז איבערצובעטן אַ צווייטן און אים באַרואיגן**... און דערפאַר זענען די אידן צוגעגליכן צו די שטערן.

לויט דעם קען מען זאָגן אַ כוונה אין דעם וואָס מיר געפינען אַז דער אויבערשטער האָט ליב די שטערן, ווי רש"י ז"ל שרייבט (שמות א, א) אויפ'ן פסוק 'ואלה שמות בני ישראל' וגו', אַז כאָטש די תורה האָט שוין אויסגערעכנט די שבטים ביי זייער לעבן, רעכנט ער זיי אויס אויך נאָך זייער אַוועקגיין פון דער וועלט, 'להודיע חיבתן **שנמשלו לכוכבים**'. כדי דיך צו לאָזן וויסן זייער ליבשאַפט, אַז זיי זענען צוגעגליכן צו די שטערן. ממילא, קען מען זיך שוין פאַרשטעלן ווי דער אויבערשטער האָט ליב די שטערן זעלבסט...

## מן הבאר

אין דעם נוסח 'מי שברך' וואָס מיר זאָגן יעדן שבת (נאָך 'יקום פורקן'), פאַר די וואָס גיבן זיך אָפּ בצרכי ציבור באמונה, בעטן מיר 'הקדוש ברוך הוא ישלם שכרם ויסיר מהם כל מחלה וירפא לכל גופם ויסלח לכל עוונם'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס בענטשן מיר זיי פריער מיט גשמיות'דיגע ברכות - 'ויסיר מהם כל מחלה וירפא לכל גופם', און ערשט דערנאָך בעטן מיר 'ויסלח לכל עוונם', מה שאין כן אין תפילת שמונה עשרה וואָס מיר זאָגן דריי מאל אַ טאָג, בעטן מיר פריער 'סלח לנו אבינו', און ערשט דערנאָך בעטן מיר אויך 'רפאנו'...

איז דער תירוץ, אַז אַזוי איז טאַקע דער ריכטיגער וועג זיך צו פירן. ווען דער מענטש בעט פאַר זיך (אַזוי ווי אין תפילת שמונה עשרה), דאַרף ער פריער בעטן פאַר כפרת עוונות, אָבער **ווען ער בעט פאַר אַנדערע אידן, דאַרף ער פריער זאָרגן וועגן זייער גשמיות**, צו בעטן אַז זיי זאָלן זיין געזונט און שטאַרק, און ערשט צום סוף, ווען זיי זענען שוין 'מסודר', דאַרף מען זאָרגן פאַר זייער רוחניות: 'ויסלח לכל עוונם'...

דאָס קען גורם זיין אַז עס זאָל פעלן די מדה פון יראה אויף דער וועלט און עס וועלן זיך פאַרמערן די מענטשן וואָס טוהען שלעכטס ח"ו, אָבער אַלעם איז אים געווען בדאי כדי דער מענטש זאָל דורך דעם טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן[טו], ווייל אָן דעם האָט די וועלט נישט קיין קיום, אַפילו אויב די מענטשן זאָלן זיין 'צדיקים גמורים' אין ענינים שבין אדם למקום, נאָר 'עולם חסד יבנה'. נאָר די מדה פון חסד איז דער קיום און בנין פון דער וועלט בכלל ובפרט[טז], פון יעדן איינצלנעם מענטש[יז].

**מיר** האָבן ערשט געזאָגט אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, אין 'אלה אזכרה', וועגן די 'עשרה הרוגי מלכות', אַז ווען מ'האָט אַרויסגעפירט רבי ישמעאל און רבי שמעון בן גמליאל צום הרג'ענען, און דער גורל איז געפאַלן אויף רבי שמעון בן גמליאל פריער אומצוקומען, און נאָך דעם ווי מ'האָט אָפּגעהאַקט זיין קאָפּ רח"ל האָט רבי ישמעאל כהן גדול גענומען דעם קאָפּ פון רבי שמעון בן גמליאל און געיאָמערט און געשריגן מיט אַ ביטערן געוויין.

**עס** שטייט אין זוהר הקדוש (זוהר חדש, רות), אַז דער דאָזיגער געוויין פון רבי ישמעאל בן אלישע כהן גדול, וואָס ער האָט געוויינט אויפ'ן קאָפּ פון רבי שמעון בן גמליאל, איז שטענדיג איינגעקריצט אינעם כסא הכבוד, ביז דער אויבערשטער וועט נקמה נעמען אין די גוים וואָס דינען עבודה זרה (עיי"ש).

**פרעגט** דער 'תפארת שלמה' (שער קריאת שמע, ד"ה 'ושמתם'), מ'דאַרף פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ מעלה האָט דאָס געוויין פון רבי ישמעאל כהן גדול, מער ווי אַלע געוויינען און תפילות פון אידישע קינדער אין משך פון גאַנצן גלות, פון די צרות און יסורים וואָס די גויים זענען גורם פאַר זיי אַלע יאָרן אין גלות.

**ענטפערט** דער 'תפארת שלמה' זי"ע - מורא'דיגע ווערטער - אַז אין יענע ביטערע שעה, נאָך דעם ווי מ'האָט אַרויסגעפירט צום הרג'ענען רבי שמעון בן גמליאל, האָט רבי ישמעאל כהן גדול גוט געוואוסט אַז באַלד גייט מען אויך אים הרג'ענען, און אַז ער שטייט אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן... **פונדעסטוועגן,**

---

דאַרף מען פאַרשטיין, מיט וואָס האָבן די שטערן זוכה געווען, צו ווערן אַזוי באַליבט ביי דעם אויבערשטען ברוך הוא? וואָס פאַראַ מעלה האָבן זיי? נאָר **דער אויבערשטער האָט גאָר שטאַרק ליב איינער וואָס טוט איבערבעטן דעם אַנדערן**, אַזוי ווי די שטערן וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן כדי איבערצובעטן די לבנה...

**טו.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ב, ז) 'וייצר ה' אלוקים את האדם עפר מן האדמה, ויפח באפיו נשמת חיים', זאָגט רש"י, אַז דער אויבערשטער האט באַשאַפן דעם מענטש 'מן התחתונים ומן העליונים. גוף מן התחתונים, ונשמה מן העליונים'.

זאָגט דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל, אַז די כוונה דערפון איז, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם מענטש זעלבסט, זאָל ער זיין **'מן העליונים'**, ער זאָל לעבן פאַר זיך, ווי איינער וואָס איז 'מן העליונים', וואָס ער דאַרף גאָרנישט האָבן... אָבער פאַר אַנדערע, **'מן התחתונים'**, זאָל ער זאָרגן אַז זיי זאָלן האָבן אַלעס גוטס בגשמיות, עס זאָל זיי גאָרנישט פעלן.

**טז.** אַזוי טייטשט דער 'תפארת שלמה' (פ' וירא, ד"ה 'זעקת'), דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ד, ז) וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו קין, **'הלוא אם תיטיב'** - אויב דו וועסט טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן, **'שאת'** - וועל איך מוחל זיין דיין עבירה...

**יז.** דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, האָט געזאָגט, אַז באַלד ביים אָנהייב פון דער בריאה האָט דער אויבערשטער געזאָגט וועגן אדם הראשון (פרשתינו ב, יח) 'לא טוב היות האדם לבדו'. דאַן איז דאָך אדם הראשון נאָך געווען אין גן עדן, אַרומגענומען מיט די מלאכים וואָס האָבן געבראָטן פאַר אים פלייש און צוגעגרייט וויין פאַר אים צו טרינקען (סנהדרין נט:), און ער האָט געגאָסן מזיו השכינה, און פונדעסטוועגן, האָט דער אויבערשטער געזאָגט 'לא טוב היות האדם לבדו', ס'איז נישט גוט פאַר דעם מענטש צו זיין אַליין, **ווייל ער האָט דעמאָלס נישט געהאַט מיט וועמען צו טוהן גוטס**, און אַזאַ לעבן איז אין גדר פון 'לא טוב'. **נאָר אַ לעבן ווען מ'טוט גוטס מיט אַ צווייטן, ווערט גערעכנט אַלס אַ גוט לעבן.** ('שיחות מוסר', תשל"א, מאמר כט)

דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע שרייבט (שאלות ותשובות 'חתם סופר', חו"מ סי' כ') צו די אידן פון אַ קהילה וואָס האָבן געמאַכט אַ מחלוקת אויף זייער מרא דאתרא, שרייבט דער 'חתם סופר': **'כשם שקשה עונשם של מידות** (די וואָג, עיי"ש) **יותר מעונשם של עריות'** (ב"ב פח:), **'כך גדול שכרם של מידות טובות יותר משכרן של אריות בתורה'**.

האָט ער נישט געוויינט אויף זיין אייגענע צרה, נאָר אויף דעם צער פון רבי שמעון בן גמליאל, און צוליב דעם איז דער דאָזיגער געוויין און געשריי פון רבי ישמעאל כהן גדול ראוי אָנצוקומען ביז צו דעם כסא הכבוד, ווייל ס'איז נישט געווען פאַר אים, נאָר אויף די צרה פון רבי שמעון בן גמליאל.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז דאָס וואָס עס קומט אַרויף אין הימל און ווערט אַוועקגעשטעלט פאַר דעם אויבערשטען, איז נישט דאָס וואָס ער טראַכט וועגן זיך, נאָר דאָס וואָס דער מענטש טראַכט וועגן אַ צווייטן, ער זאָרגט פאַר זיינע באַדערפענישן און ער וויל טוהן מיט אים אַ חסד.

**ווי** וויכט מ'דאַרף אַכטונג געבן אויף דעם כבוד פון אַ צווייטן, לערנען מיר פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ג, כג-כד) 'וישלחהו ה' אלוקים מגן עדן, לעבוד את האדמה אשר לוקח משם, ויגרש את האדם, וישכן מקדם לגן עדן את הכרובים' וגו'.

**פרעגט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('תורת משה', פ' בראשית, ד"ה 'פן ישלח'), פאַרוואָס שטייט קודם אין פסוק 'וישלחהו', אַז דער אויבערשטער האָט אים אַוועקגעשיקט, און דערנאָך שטייט 'ויגרש' - ער האָט אים פאַרטריבן פון דאָרט?

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', אַז נאָך דעם חטא האָט דער אויבערשטער געוואָלט אַרויסטרייבן אדם הראשון פון גן עדן, צוליב דעם חשש אַז ער וועט עסן אויך פונעם 'עץ החיים', און דאַן וועט ער לעבן אייביג. נאָר דער אויבערשטער האָט אים נישט געוואָלט פאַרשעמען[יח], און צוליב דעם האָט ער אים 'אַרויסגעשיקט' פון גן עדן צו באַאַרבעטן די ערד, און נאָך דעם ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון גן עדן, זענען די טויערן פון גן עדן געשלאָסן געוואָרן פאַר אים, און דער אויבערשטער האָט אַוועקגעשטעלט די 'כרובים' צו היטן, און דורך דעם איז די בושה נישט געווען אַזוי גרויס פאַר אדם הראשון (ווייל דער אויבערשטער האָט אים נישט געזאָגט בפירוש ער זאָל אַרויסגיין).

**דאַרפן** מיר פון דעם לערנען אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', אויב דער אויבערשטער האָט חס געווען אויף דעם כבוד פון אדם הראשון נאָך דעם ווי ער האָט געזינדיגט, און אין דער צייט ווען ער האָט אים געשטראָפט פאַר דעם חטא עץ הדעת, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי, אַז מיר דאַרפן גאָר שטאַרקן היטן דעם כבוד פון אַנדערע מענטשן.

**דתשרי על עמיה - בלייבן באַהאָפטן צום יו"ט אַ גאַנצן יאָר**

**צדיקים** האָבן געטייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן אינעם זמר פונעם אריז"ל (זמירות ליל שב"ק, 'אזמר בשבחין'), מיר בעטן דעם אויבערשטען, 'יהא רעוא קמיה' - עס זאָל זיין דיין רצון. 'דתשרי' - אַז די השפעה פון חודש 'תשרי'. 'על עמיה' - זאָל בלייבן אויף אונז אידן אַ גאַנץ יאָר, ווייל דער תכלית פון די הייליגע טעג העעל"ט, און די גאַנצע השפעה פון קדושה און די שמחה, האָט נישט געהאַט דעם ציל נאָר אויף זיין צייט[יט],

---

**יח.** הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן, ווען ער האָט געוואָלט אַרויסשיקן דעם משמש פון צימער (כדי צו קענען רעדן מיט עמיצן פריוואַט), פלעגט ער נישט זאָגן פאַר דעם משמש ער זאָל אַרויסגיין פון צימער, נאָר ער פלעגט אים בעטן איידל, ער זאָל אַריינגיין אין צווייטן צימער.

אין יאָר תשי"ב, ווען דער רבי זי"ע איז געווען אויף אַ באַזוך אין אַנטווערפּן, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער ציבור צו הערן זיינע פייערדיגע דרשות. ביים סוף פון דער דרשה, ווען דער רבי האָט געוואָלט צוריקגיין צו דער אכסניא, האָט ער נישט געקענט אַדורכגיין, צוליב די נשים צדקניות וואָס האָבן אָנגעפילט דעם וועג, וועלנדיג זען די הייליגע צורה פונעם רבי'ן. האָט דער משמש געשריגן, 'גייט אַרויס אינדרויסן!' ווען דער סאַטמאַרער רב האָט געהערט די שאַרפע ווערטער פונעם משמש, האָט ער אים פאַרראָכטן און געזאָגט:

- **ס'איז נישט שיין צו זאָגן, 'גייטס אַרויס אינדרויסן', נאָר מ'דאַרף זיי זאָגן זיי זאָלן אַריינגיין אין עזרת נשים'.**

**יט.** הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל האָט געזאָגט אַ שיינעם משל. אַ חתן האָט חתונה געהאַט אין אַ הערליכן זאַל. מ'האָט געבראַנגט שיינע מוזיקאַנטן, און געפּראַוועט אַ סעודה כיד המלך. נאָך דער שמחה איז דער 'חתן' אָבער צוריקגעגאַנגען צום הויז פון זיינע עלטערן, איבערלאָזנדיג די כלה אַ פאַרשעמטע, עלנד און איינזאַם. די כלה האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן אויף דעם וואָס דער 'חתן' האָט איר אָפּגעטוהן.

נאָר עס דאַרף משפיע זיין אויפ'ן גאַנצן יאָר[כ], ספּעציעל אויפ'ן ווינטער הבעל"ט[כא].

**דער** גאון בעל 'נודע ביהודה' זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק (ישעיה א, ו) 'מכף רגל ועד ראש אין בו מתום'. דער נביא רעדט זיך אָפּ אויף די מענטשן וואָס זאָגן אַז פון שמיני עצרת ['מכף רגל', ווייל שמיני עצרת איז דאָך אַ 'רגל בפני עצמו' (ר"ה ד:)] ביז קומענדיגן 'ראש' השנה הבעל"ט (עד ראש), 'אין בו מתום', לאָז איך אָפּ דעם תמימות'דיגן וועג, און איך טוה וואָס מיין האַרץ גליסט, אַזוי ווי ביז יעצט. נאָר פון ראש השנה ביז שמיני עצרת ווערט דער מענטש נתעורר צו תשובה און תיקון המעשים (און אַזוי טייטשט דער חיד"א זי"ע, אין זיין ספר 'צווארי שלל', הפטרה לפרשת דברים).

**די** עצה צו היטן אין זיך אַלע אורות פון די הייליגע טעג, איז ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיח, כז) 'אסרו חג בעבותים', מ'זאָל 'צובינדן' דעם יום טוב צו זיך מיט 'שטריק', דורך גוטע קבלות פון וועלכע מ'זאָל זיך קיינמאָל נישט אַוועקרירן.

**נאָך** אַ גוטע עצה דערצו, איבערצולאָזן די השפעות פון די הייליגע טעג אויפ'ן גאַנצן יאָר, איז ווי דער הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב פלעגט זאָגן,

---

ווען זיינע חברים האָבן אַפּירגענומען דעם 'חתן' און אים געפרעגט פאַרוואָס איז האָט זיך אויפגעפירט אַזוי אוממענטשליך צו זיין נייע כלה, האָט דער 'חתן' געענטפערט מיט זיין נאַרישן שכל: 'דער עיקר איז דאָך, אַז ס'איז געווען אַ שיינע חתונה'... **ווי נאריש איז ער אַז ער פאַרשטייט נישט אַז די גאַנצע 'חתונה' איז נישט מער ווי אַ 'הקדמה' צו דעם 'בנין עדי עד', שפּעטער אין לעבן...**

דער נמשל איז, עס זענען אַדורכגעגאַנגען אַזעלכע געהויבענע ימים טובים, ביז מיר זענען אָנגעקומען צו שמיני עצרת, וואָס איז אין דער בחינה ווען דער אויבערשטער פרייט זיך נאָר מיט די אידן. דאַרפן מיר זען נישט צו בלייבן שטיין נאָר ביי די 'חתונה'... נאָר עס זאָל זיין בלויז אַ 'הקדמה' אויפן גאַנצן יאר הבא עלינו לטובה.

**מן הבאר**

ס'איז באַקאַנט וואָס חז"ל זאָגן וועגן שמיני עצרת, אַז דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן, ס'איז מיר שווער זיך צו שיידן פון אייך, איך בעט אייך, איר זאָלט זיך אויפהאַלטן מיט מיר נאָך אַ טאג - 'קשה עלי **פרידתכם**'. קען מען זאָגן, אַ 'פרידה' איז אַן 'עקרה', וואָס קען נישט האָבן קינדער, און עס בלייבט נישט פון איר אַ המשך פון דורות. דאָס האָבן חז"ל געוואָלט מרמז זיין מיט די ווערטער אַז דער אויבערשטער זאָגט, 'קשה עלי פרידתכם'. **דער אויבערשטער כביכול באַקלאָגט זיך, אַז ס'איז אים שווער כביכול דאָס וואָס די הייליגע טעג בלייבן אין דער בחינה פון אַ 'פרידה', אָן אַ המשך... נאָר 'עכבו עמי יום אחד'. עס זאָל בלייבן אַ קיום פאַר אַלע גרויסע אורות און השפעות פון קדושה, אויף אַ לאַנגער צייט...**

**כ.** על דרך צחות, מענטשן פירן זיך, אין די ימי הרחמים והסליחות, ביז סוף חודש תשרי, פרעגט איינער דעם אַנדערן, האסט שוין געזאָגט סליחות? האָסט שוין געהערט בלאָזן שופר? האָסט שוין געשלאָגן כפרות? האָסט שוין געבויט אַ סוכה? האָסט שוין געקויפט די ארבעה מינים? האָסט שוין געשאָקלט דעם לולב? האָסט שוין געקלאַפּט די 'הושענות'? וואָס איז אָבער די לעצטע שאלה וואָס מ'פרעגט אין די ימים נוראים? מ'פרעגט, האָסטו שוין געהאַט אַן עליה צו דער תורה?

דאָס איז אַ רמז, אַז **דער גאַנצער תכלית פון חודש תשרי איז צו האָבן אַן עליה, מ'זאָל שטייגן און דערהויבן ווערן פון דעם גאַנצן חודש, נישט נאָר אָפּצוּרעכטן די עבודה פון די הייליגע טעג, און שפּעטער צוריקגיין צום אַלטן.**

**כא.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, שרייבט (ח"ב, ע' רכז), ס'איז די טבע פונעם מענטש, אַז צומאָרגנס פונעם יום טוב פאַרגעסט ער אינגאַנצן וואָס עס איז געווען, וואו ער איז געווען נעכטן, און וואָס ער האָט געטראַכט. ער געדענקט שוין נישט זיינע בקשות ווען ער האָט געטאַנצט מיט דער תורה, 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי'.

אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'אסרו חג בעבותים', **מ'זאָל צובינדן צו זיך דעם יום טוב מיט שטאַרקע שטריק, עס זאָל נישט אַרויספאַלן פון די הענט.** דער יום טוב זאָל בלייבן איינגעקריצט אויפ'ן גאַנצן יאָר.

אַז יעדן יום טוב טוט דער אויבערשטער אַריינשיינען אין יעדן אידישן האַרץ און נשמה אַ גרויסע הארה, און דורך דער דאָזיגער לעכטיגקייט טוט דער שכל פון מענטש זיך שטאַרקן אין עבודת השם און לימוד התורה, אָבער ווען דער יום טוב גייט אַוועק, טוט אויך דער אור פאַרלאָזן דעם מענטש, אָבער יעדער איינער, יהיה מי שיהיה, אויב ער האָט נאָר שכל, טוט ער פאַרמערן צו לערנען תורה באַלד נאָך יום טוב, און אַזוי וועט ער איבערלאָזן ביי זיך דעם גרויסן אור אים צו העלפן דינען דעם אויבערשטען און זיך דערנענטערן צו אים אין משך פון גאַנצן יאָר[כב]. (געברענגט אין ספר 'קול יעקב', פון זיין תלמיד, הגה"ק בעל 'מלא הרועים' זי"ע, פ' אמור, ד"ה 'והקרבתם')

אַזוי שרייבט דער גאון רבי חיים פלאג'י זי"ע ('ספר חיים', סי' לו), מיר האָבן בקבלה, אַז לויט ווי דער מענטש פירט זיך אין די ערשטע צוועלף טעג פון מוצאי סוכות, אַזוי וועט ער זיך פירן פון אָנהייב יאָר ביז סוף יאָר, און עס איז דער מנהג פון די 'חסידים הראשונים', זיך גאָר שטאַרק צו הייליגן, במחשבה, בדיבור ובמעשה, פון שמחת תורה ביז 12 טעג נאָך יום טוב, אַנטקעגן די 12 חדשים פונעם יאָר. זיי קומען זיך צוזאַמען אין זייערע הייזער אין די דאָזיגע 12 טעג, און חזר'ן איבער זייערע לימודים יעדער איינער לויט זיינע מעגליכקייט.

דאָס איז אַ וואונדערליכע סגולה, און דער וואָס פירט זיך אַזוי, איז זוכה צו א געוואלדיגע סייעתא דשמיא פונעם באַשעפער אַ גאַנץ יאָר, 'מראשית השנה ועד אחרית שנה', און 'כל אשר יעשה יצליח, הן בתורה, הן בחסידות, והן בכל משא ומתן'.

אַזוי שרייבט אויך דער גאון חיד"א זי"ע ('מורה באמצע', אות רח"צ) אַז נאָך יום טוב און חודש חשון, זאָל מען זיך באַמיען מיט יראת שמים און מיט לימוד תורה לשמה, ווייל עס איז דער אָנהייב פונעם יאָר, און אַ גוטער סימן פאַר'ן גאַנצן יאָר. און וויבאַלד ס'איז נאָנט צו די עשרת ימי תשובה, דאַרף מען ווייזן אַז אַלעס וואָס מ'האָט תשובה געטוהן אין די הייליגע טעג, איז נישט געווען נאָר לפנים ח"ו, און אויב ער וועט יעצט אָנהייבן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול און ער וועט זיך נאָכלאָזן פון עבודת השם, וועט עס נישט זיין לרצון ח"ו, נאָר אדרבה, מ'זאָל מאַכן אַ גוטן סימן פאַר'ן גאַנצן יאָר, 'ירוץ כגבור בעסק התורה והמצוה כיד ה' הטובה עליו', עכ"ל.

מיר האָפן און מיר זענען מתפלל, 'שערי שמים פתח, ואוצרך הטוב לנו תפתח'[כג], עס זאָל נשפע ווערן אויף אונז אַסאַך שפע פון הימל, רפואות[כד] און ישועות, בבריות גופא ונהורא מעליא, אמן.

---

**כב.** הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע זאָגט (פ' ראה, ד"ה 'לא תעשון'), **'כה אמר ה''** - נאָך די הייליגע טעג זאָגט דער אויבערשטער צו די אידן, **'מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, כי יש שכר לפעולתך'**, דו וועסט באַקומען שכר פאַר די פעולות און די מורא פון דין וואָס דו האָסט געהאַט אין די ימים נוראים, אַז מ'איז מוחל אַלע דיינע עבירות.

איי, וועסטו פרעגן, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָבן מיר נאָך נישט זוכה געווען אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות? איז דער תירוץ: **'ושבו בנים לגבולם'** - נאָך די הייליגע טעג, גייט דער מענטש צוריק צו זיין אַלטן סדר היום, ער פאַרגעסט פון אַלעם וואָס ער האָט זוכה געווען דערצו אין די הייליגע טעג.

דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע האָט געזאָגט, מיר טרעפן צוויי מאל אין די פסוקים, דאָס ווארט 'בעבותים'. איין מאָל, 'אסרו חג **בעבותים**' (תהלים קיח, כז), און אַ צווייטן מאָל (תהלים ב, ג) 'ננתקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו **עבותימו**'.

האָט דער 'אמרי אמת' געזאָגט אַ רמז, ס'זענען דאָ מענטשן וואָס זאָגן נאָך שמחת תורה, לאָמיר זיך אָפּרייסן חלילה פון אַלע ענינים פון דעם יום טוב. אָבער דער וואָס האָט שכל זאָגט, אדרבה, לאָמיר זיך צובינדן מיט גאָר דיקע שטריק צו דעם יום טוב וואָס איז ערשט אַריבער אויף אונז.

האָט צוגעגעבן צו דעם זיין זון, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, די וועלט זאָגט, 'אסרו חג בעבותים', מ'זאָל צובינדן דעם יום טוב צו זיך מיט שטריק. דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, ווייל **דער יום טוב אַנטלויפט בכלל נישט פון אונז.** מ'זאָגט נאָר צו אונז, אַז **מיר זאָלן נישט אַנטלויפן פון דעם יום טוב...** נאָר מיר זאָלן זיך באַהעפטן און צובינדן צו דעם יום טוב.

**כג.** הרה"ק ר' שלום בער פון ליובאַוויטש זי"ע ברענגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע, אַז **שבת בראשית הערשט כביכול גאָר אַ גרויסע שמחה אין הימל, אַזוי ווי אַ טאַטע וואָס פרייט זיך ווען ער פירט**

**זיין זון אין חדר צום ערשטן מאָל.** אַזוי אויך אָנהייב יאר פרייט זיך דער אויבערשטער, ווען ער זעט ווי זיינע ליבע אידישע קינדער הייבן אָן די תורה פון 'בראשית'. ממילא, קען מען היינטיגן שבת אויפטוהן גאָר גרויסע זאַכן.

**כד.** אַזוי האָבן צדיקים געזאָגט (הרה"ק ר' וואָלף סטריקובער זי"ע, און אַזוי ווערט געברענגט אין ספר 'שיח שרפי קודש') **אַז דאָס** ווארט 'ברא' קען מען טייטשן אויף דריי וועגן: **א.** ס'איז פון לשון געזונט. **ב.** פון לשון 'בר' - קינדער. **ג.** פון לשון 'בר' - שטרוי. דאָס מיינט, 'בראשית ברא': דער אָנהייב פון אַלעם איז אַז אידישע קינדער זאָלן זיין געזונט בגוף ובנפש ובממון, זיי זאָלן זוכה זיין צו קינדער וואָס וועלן גיין בדרך התורה והיראה, און צו פרנסה בהרחבה גדולה, כן יהי רצון, אמן.

# 'אסרו חג בעבותים'

מיר געהערט אַ שיינעם געדאנק פון אַ 'בעל דרשן', וועלכע האט גערעדט ביי א מסיבת 'שבע ברכות', האָט ער דערציילט אַ 'מעשה', אַ איד פון דער שטאָט לעלוב, וואָס פלעגט יעדעס יאָר פאָרן אויף פסח צו זיין רבי'ן, וועלכער האָט געוואוינט אין לובלין. אויפ'ן וועג פלעגט ער אַריבערגיין אַ 'פרשת דרכים' - אַ שיידוועג וואו עס געפינען זיך פיר וועגן, וואָס יעדער וועג פירט צו אַן אַנדערע שטאָט, און כדי די דורכפאָרער זאָלן וויסן וואו צו גיין, האָט מען דאָרט אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן שטאנג, און מ'האָט אויפגעהאָנגען דערויף פיר טאָוולען, מיט אַ צייכן פאַר יעדער זייט, און עס שטייט אויפגעשריבן דערויף דער נאָמען פון דער שטאָט וואו מ'קען אָנקומען מיט יענעם וועג. צום ביישפיל, אויף דעם טאָוועל וואָס ווייזט צו מזרח, איז געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות דער נאָמען פון דער שטאָט 'וואַרשע', וואָס דאָס איז געווען אַ סימן אַז דורך דעם וועג קומט מען אָן אין וואַרשע, און ביי צפון-זייט, איז געווען פאַרצייכנט 'לובלין', און אַזוי ווייטער.

איין יאָר, האָט גאָר שטאַרק געדעגנט אַ גאַנצן ווינטער. אַלע וועגן זענען געווען פול מיט שניי, אַזוי אַז ווען דער איד האָט געוואָלט פאָרן אויף פסח קיין לובלין און איז אָנגעקומען צום דערמאנטן שיידוועג, איז אים געוואָרן 'פינצטער פאַר די אויגן', ווייל ער האָט נישט געקענט טרעפן דעם שטאנג מיט די פיר טאָוולען, ווייל עס איז אויסגעריסן געוואָרן און אַוועקגעפלויגן אין די שטאַרקע ווינטן און זאַווערוכעס. ער האָט אַלזאָ נישט געוואוסט וואו זיך צו ווענדן, צו מזרח אָדער צו מערב, צו צפון, אָדער צו דרום. קיינע דורכפאָרער וואָס זאָלן וויסן אים אָנצואווייזן דעם וועג צו פאָרן ווייטער, זענען אויך נישט געווען. נאָך לאַנגע זוכענישן, האָט ער געטראָפן דעם שטאנג מיט די פיר טאָוולען ליגן אין די בלאָטעס, אונטער בערג פון שניי און אייז, ווי אַן 'אבן שאין לה הופכין', און ער האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט וואָס צו טוהן, ווייל כאָטש ער האָט געוואָלט צוריקשטעלן דעם עמוד אויף זיין אָרט, אָבער ער האָט דאָך נישט געוואוסט אויף וועלכער זייט עס אַוועקצושטעלן. ענדליך האָט דער אויבערשטער אים דערלויכטן די אויגן, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווייסט ער יאָ, צו ענטפערן אויף די פראַגע 'מאין באת'... פון וואו קום איך. ס'איז מיר קלאָר אַז איך בין געקומען פון לעלוב ביז אַהער, אַזוי אַז איך דאַרף צוריק אַוועקשטעלן דעם עמוד אויף אַן אופן אַז דער טאָוועל וואָס ווייזט אויף דער שטאָט לעלוב, זאָל זיך ווענדן צו דער ריכטונג פון וועלכער איך בין געקומען אַהער, און ממילא, וועט אַלעס זיין 'אין אָרדענונג'... ווייל דאַן וועלן אויך די אַנדערע טאָוולען זיין געוואָנדן יעדעס איינע אַזוי ווי פריער, און ער וועט קענען גיין ווייטער אויפ'ן וועג קיין לובלין און דאָרט אָנקומען לחיים ולשלום...

דאַן האָט דער 'דרשן' זיך געוואָנדן צו דעם חתן, און אים געזאָגט ווי פאָלגענד: אָט גייסטו יעצט אַרויס אויפ'ן וועג צו דיין לעבן, ווי דער פסוק זאָגט ('חתן היוצא מחופתו ישוש כגיבור לרוץ עלי אורח'), און דו פאַנגסט אָן דיין שפּאַציר אויפ'ן 'ים הגדול'... עס נעמט דיך אַרום אַ ציטער, ווייל דו ווייסט נישט אויף וועלכן וועג דו זאָלסט זיך ווענדן, צו רעכטס, אָדער צו לינקס... **זאָלסטו אָבער געדענקען פון וואו דו ביזט געקומען...** דו ווייסט דאָך דעם מקור פון דיין אָפּשטאַם, אין וואָס פאַראַ הויז דו ביזט אויפגעצויגן געוואָרן, און וואָס פאַראַ חינוך דו האָסט דאָרט באַקומען, און אויב אַזוי, דאַרף דער וועג אויף וועלכן דו ביזט געגאַנגען ביז יעצט, דינען פאַר דיר אַלס אַ וועגווייזער ווי אַזוי פאָרצוזעצן גיין אויפ'ן ריכטיגן און ערליכן וועג.

לענינינו, מיר שטייען יעצט ביים אָנהייב פונעם יאָר. דאַרף מען זיך גוט אַריינטראַכטן אין האַרץ 'מאין באת'. **אָט זענען מיר ערשט געשטאַנען ביי ראש השנה, יום כיפּור, סוכות און שמחת תורה... יעדער איינער האָט געהאַט אַ התעלות לויט זיין מדריגה. אויב מ'וועט דאָס געדענקען און האַלטן שטענדיג פאַר די אויגן, וועט מען קענען פאָרזעצן צו גיין אויפ'ן ריכטיגן וועג...**